פרשת בהעלותך, כ"א סיון תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ל"ה

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................................8:16
מוצאי שבת .......................................9:47

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# א מעשה פון תפלה

## יוסי שניטצלער

איך האב פארלוירן מיין לענסעס פאר די אויגן, איך האב זייער א הויכע נומער און איך קען נישט גיין אן דעם, אויך אויב ליגט עס לאנג אינדרויסן ווערט עס אויסגעטריקענט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס שנעל טרעפן, שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן גלייך נאכ'ן בעטן דעם אייבערשטן.

## מרדכי אהרן הייליפרין

א) איין טאג אינמיטן ארבעטן פאר די עירוב האט מען זיך דערזעהן אז עס פעלט געוויסע מאטריאל צו קענען ארבעטן ווייטער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אנקומען גאר שנעל כדי עס זאל נישט זיין קיין געלט שאדן פון דארפן צאלן פאר דעם עירוב טראק יעדן טאג בשעת מען קען עס אפילו נישט ניצן ווייל די מאטריאל איז נישט דא, און אזוי אויך וויל איך נישט אפשטעלן די ארבעט קיין איין טאג, שכח אייבערשטער פאר די נס, די נעקסטע אינדערפרי איז עס שוין געווען אין שטעטל, און מען האט ווייטער געקענט ממשיך זיין מיט די ארבעט ווי געהעריג.

ב) איך האב זייער וויכטיג געדארפט האבן א געוויסע צעטל פון די באנק, איך בין געגאנגען צו די באנק אבער זיי האבן נישט געקענט געבן אזא צעטל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זייער שטארק איך זאל עס קענען האבן גרינג און שנעל, איך בין געגאנגען צו א אנדערע לאקאציע פון די באנק, שכח אייבערשטער אז זיי האבן עס מיר געקענט געבן אן קיין פראבלעמען.

## נקודה

מוהרא"ש ז"ל האט אזוי הנאה געהאט יעדע מאל וואס איך האב אים פארציילט אז די פרויען זענען זיך צוזאמגעקומען, און ער האט נאר געוואלט וויסן וויפיל פרויען, און ווער, און וואס מען האט גערעדט, און די פנים האט אים געלאכטן וכו', און מען האט געקענט זעהן אז מוהרא"ש פריידט זיך זייער, ווייל דאס איז זייער וויכטיג אז די פרויען זאלן ווערן חסוד'סטעס.

[עצתו אמונה במדבר תשע"ה]

# נייעס אין שטעטל

## באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א

גאר א שיינער באזוך איז פארגעקומען דאנערשטאג אינדערפרי פון דעם ראש ישיבה שליט"א.

אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א מיטגעדאווענט שחרית מיט די אינגעלייט אין שטעטל, דערנאך איז געווען א שטיקל שמועס פאר די אינגעלייט ווי מען האט ארומגעשמועסט די וועג וויאזוי מען קען זיין בשלום מיט יעדן איינעם, אפילו איך ווייס ביי מיר אז יענער האט מיר ווי געטוהן, דאך גיי איך ארויס פון מיין וועג און איך בעט יענעם איבער לפנים משורת הדין. אזוי אויך האט מען ארום גערעדט פון חתונה מאכן די קינדער ביליג אויף די וועג וויאזוי מוהרא"ש האט געוואלט פון אונז.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער צו די עלטערע קינדער אין תלמוד תורה און דארט געגעבן א שיינע שמועס פאר די קינדער וויאזוי זיך צו פירן מיט'ן הייליג'ן רבינ'ס וועג.

דערנאך איז מען אריבערגעגאנגען צו די מיידלעך פון בית פיגא שטעטל סקול, ווי דער ראש ישיבה האט גערעדט צו זיי די וויכטיגקייט און די שיינקייט פון זיין אלץ בצניעות, און אזוי אויך ארום גערעדט די שיינקייט פון האבן מדות טובות.

## נייעס אין תלמוד תורה

און א באזוך אין תלמוד תורה הערט מען פון דעם מלמד ר' יוסף שניצטלער הי"ו אז די קינדער וואס דאווענען שיין מיט, און אזוי אויךביים לערנען הערן זיי שיין אויס און האלטן מיט, און פירן זיך אויף ווי עס דארף צו זיין איינער מיטן צווייטן - טיילט מען פאר זיי טיקעטס יעדן טאג, ווי די מלמד געט איבער ווען די אלע קינדער וואס האבן א געוויסע סכום פון טיקעטס [וואס מיטן אייבערשטענ'ס הילף וועלן אלע קינדער האבן דעם סכום] קענען גיין פאר א אויספלוג אין די גאר נאנטע טעג, עס איז שוין געווען געפלאנט פאר סוף ווינטער, אבער אזוי ווי עס איז געווען קאראנא צייט איז עס געווארן אפגעשטופט פאר די זומער.

## נייעס אין בית פיגא שטעטל סקול

גאר א שיינע סידור פלעי ווערט צוגעגרייט דורך די מיידלעך פון בית פיגא שטעטל סקול, שוין א לאנגע צייט וואס די מיידלעך גרייטן זיך שוין אן פאר דעם, עס וועט ווערן אויפגעשפילט די מעשה פון דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע אלץ קליין קינד - ישראליק האט מען אים גערופן, ביז ער איז אויסגעוואקסן דער הייליגער בעל שם טוב הקדוש וואס מען ווייסט היינט. עס איז ערווארטעט צו זיין גאר שיין און רייך פון וואס אלע מאמעס וועלן זיכער גאר שטארק הנאה האבן מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

בעזרת השם יתברך - יום ג׳ לסדר נשא, שנת תשע״ה לפ״ק

**לכבוד מיין טייערע... נרו יאיר**

איך האלט אז דו זאלסט נישט שטופן דיין ווייב זי זאל צוריק גיין ארבעטן, ווילאנג מען האט נישט קיין קינדער איז גוט אז די ווייב ארבעט, אזוי גייט זי נישט ליידיג וכו׳, אבער אז מען האט קינדער בפרט קליינע קינדער איז זייער שווער אז די פרוי זאל סיי זיין פארנומען מיט די קינדער און סיי מיט ארבעטן, און ווי קענסטו אפילו פארלאנגען פון איר זי זאל זיין מיט דיר וכו׳, זי האט נישט קיין כח זי פאלט צוזאם.

דערפאר טייערע ... נ״י געב אכטונג אויף דיין ווייב, זעה זי זאל זיך נישט איבער רייסן אירע כוחות, **דער אייבערשטער האט דיר געגעבן אזא ספעציעלע ווייב דארפסטו איר העלפן,** זאג איר אז פון היינט אן וועסטו ברענגען פרנסה - נישט זי, דיינע קינדער דארפן האבן א פרייליכע מאמע, אז דו וועסט נאר קוקן אויף געלט - און געלט - און געלט, און דו וועסט נאר באצווינגען דיין ווייב זי זאל ארבעטן צו ברענגען געלט, וועלן דיינע קינדערלעך נישט האבן קיין מאמע, און דו וועסט נישט האבן קיין ווייב.

איך האף אז דו וועסט מיר פאלגן, און פאלגן וואס דו האסט אינטערגעשריבן אין די כתובה "אז **דו** וועסט ברענגען פרנסה".

א גרויסן ישר כח פאר דעם וואס דו העלפסט מיר איך זאל נישט צאמברעכן פון די שווערע לאסט וואס ליגט אויף מיר.

**פון דיין ראש ישיבה וואס שעפט נחת פון דיר.**

~~~~~~~~~~

בעזרת השם יתברך - יום ג׳ לסדר נשא, שנת תשע״ה לפ״ק

**לכבוד מיין טייערע לעכטיגע ... נ״י**

איך האף אז דו פארגעסט נישט די חסדים און די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטוהן מיט דיר, און ער טוט מיט דיר, אז דו האסט זוכה געווען חתונה צו האבן אזוי שיין, דארפסטו נאר טאנצן און שפרינגען און דאנקען און לויבן צום הייליגן באשעפער, טויזנט מאל א טאג זאלסטו זאגן "**יישר כח באשעפער**" אז איך האב א ווייב וכו׳ וכו׳.

אויך דארפסטו זיין געווארענט צו דאווענען מיט מנין דריי מאל א טאג, און בשעת׳ן דאווענען רעדט מען נישט, מען זיצט אויף איין פלאץ, און אויב דער בעל תפלה דאווענט לאנג, האלט מען נעבן זיך א חומש אדער תהלים, און מען זאגט די יום תהלים וכדומה, אבער נישט חס ושלום מען רעדט ביים דאווענען, מען קען חס ושלום באקומען א עונש וכו׳.

שטארק דיך אין תורה ותפלה, זעה צו לערנען אין שטוב אויפן קול, ווייל **אלע ווייבער האבן ליב צו זעהן ווי זייערע מענער לערנען**, אבער לערן נישט "צו" פלייסיג ווייל עס איז "שנה ראשונה", מען דארף אויך "**מאכן א לעבן**" מיט די ווייב.

~~~~~~~~~~

בעזרת השם יתברך - יום ג׳ לסדר נשא, שנת תשע״ה לפ״ק

**לכבוד מיין טייערע... נ״י**

איך האב שוין זייער לאנג נישט געהערט פון דיר, איך האף אז אלעס איז אין בעסטן ארדענונג, איך האף אז דו שטארקסט זיך בלימוד התורה והתבודדות, דער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט "**התבודדות**", דאס הייסט א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען אויסרעדן זיין הארץ צום באשעפער אזוי ווי מען רעדט צו א גוטע פריינד, מען דארף אויף דעם אסאך התחזקות, ווייל דער יצר הרע וועט אלעס לאזן טוהן, אבי דער מענטש זאל נישט טראכטן פון באשעפער.

דערפאר וויל איך דיר שטארקן זאלסט יעדן טאג כאפן א שפאציר אין קרית יואל, און זיך אויסשמיסן דאס הארץ מיטן באשעפער, **קרית יואל איז אזוי ווי א וואלד.** אויך ווען דו קענסט כאפ זיך ארויף צום ציון פון רבינו הקדוש מסאטמאר זי״ע און זיי דיך דארט מתבודד.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן בזכות מצות צדקה פאר אזא הייליגע מוסד, וואס מען רעדט נאר פון דעם באשעפער, זאלסטו האבן שפע ברכה והצלחה.

**פון דיין ראש ישיבה.**


**צו באשטעלן פרישע געבעקסן**
**רופט משפחת אינדארסקי**
**845-219-0699**

**האר שניידן פאר קינדער**
**רופט משפחת טייטעלבוים**
**845-376-0380**

**בית התבשיל**
**רופט שלמה יאקאבאוויטש נ"י**
**845-637-5367**